ב. יאָושזאָן

# נעכטן

## א בוך פעליעטאָנען

הקדמה:
דב סדן

אריינפיר: מיין פאָטער
יהושע יוסטמאַן

מפרסומי הקתדרה ליידיש ע"ש רינה קוסטה
פובליקאַציע פון דער יידיש־קאַטעדרע א"נ פון רינה קוסטה

הוצאת אוניברסיטת בר־אילן

# ב. יאושזאָן: דריי צווייגן

### א.

מיט א קאַרגע צען יאָר צוריק, ווען אונדזער גוטער פריינט ר׳ יהושע יוסטמאַן, וועמען מיר קענען פון זיין פאַרצווייגט שרייבן זייט זיין יוגנט אין װאַרשע און בעיקר זייט ער איז ביי אונדז הי אין לאַנד און פראָדוקטיוו אין דער וויטערער און נאָענטער פּרעסע אונדזערער, בפרט ווי א מיט־רעדאַקטאָר פון ״מעריב״, האָט איבערזעצט און ארויסגעגעבן זיין בארימטן פאָטערס, ר׳ משה בונעם יוסטמאַנס פיל־באַנדיקן ״מאוצרנו הישן״, וואָס איז געווען פּאָפּולער מיטן נאָמען ״פון אונדזער אלטן אוצר״, האָבן זיך הי, אין ירושלימער בית־הסופר, צוזאַמענגעטראָפן כמה וכמה שרייבערס, כדי זיך אדורכצורעדן וועגן פּאָלקישן דרך פון אונדזער פּרשנות, און אזוי ווי איך האָב אויך געזאָגט אַ וואָרט דערוועגן, האָב איך געבעטן מיר מוחל צו זיין וואָס איך וועל אין מיין וואָרט זיך נישט האלטן סטריקט אין דעם טיטל פון אונדזער משא־ומתן, און וועל מיינע באַמערקן וועגן חיבור פיראַוויסשיקן מיט מיינע הערות וועגן מחבר, ווייל עס איז טאַקע וויכטיק מברר צו זיין דעם וואָס, אָבער דער בירור פונעם ווער איז נישט ווייניקער חשוב. דען דער מחבר, ר׳ משה בונעם יוסטמאַן, וואָס איז געווען באַרימט מכח זיין פּסעוודאָנים ב. יאושזאָן, איז געווען פון די באַרימטסטע שרייבערס צווישן די יידישע לייענערס אין פוילן, בפרט צווישן ביידע וועלט־מלחמות און זיינע פּובליקאַציעס, לרוב יידיש און צום טייל עברית, לאָזן זיך, אין זייער פאַרבליפנדיקער פּאָפּולאַריטעט, איינטיילן אויף דריי צווייגן.

### ב.

דער ערשטער צוויג איז א דערציילערישער און דראַמאַטישער און זיינע ברען־פּונקטן זענען זיין גרויסער סיפור ״אינם רבינס הויף״ (וואַרשע תרס״ט), וואָס שוין דער נאָמען איז מכריז, אז דאָ האנדלט זיך אין דער חסידישער וועלט, און דער ענין קומט טאָקע פאָר אין קאָנגרעס־פוילן, די צייט איז אין ערשטן צענדלינג פון איצטיקן יאָרהונדערט און דער צענטער פון די געשעענישן זענען די דורות־שפּאַנונג אין חסידות, אין דער סאַמע מיט פון צדיקס הויז, ווי עס באַשרייבט זי וועער עס איז מסוגל זי צו זען און צו ווייזן אין א טאָפּל־פּערספּעקטיוו — סיי אין הויף פון חסידות, ווי דער מחבר איז אויסגעוואַקסן, סיי מחוצן תוך פון חסידות, ווייל אזוי איז געווען דער המשך זיינער. אויב נעמען א דוגמה פאַרן באַטראַכט פון חסידות, ווי אַרום זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין גרעסטן שרייבער אונדזערן אין

פוילן, י. ל. פרץ, פארמאָגן מיר צוויי באַזונדערע ספעקטרען — איינער, וואָס מיר האָבן אין רוב פון זיינע סיפורי־חסידים און איינער, וואָס מיר האָבן אין זיינע דראַמעס, און די צוויי ספעקטרען זענען אויך פאַראַן אין בוך "אינם רבינס הויף", כאָטש דער חילוק פון די ביאָגראַפיעס טוט זיך זיינס — י. ל. פרץ איז נישט אויסגעוואַקסן אין חסידות און איז נישט געווען פאַרבונדן מיט איר לעבן און האָט נישט געקענט פון דער נאָענט, העכסטנס זייטיק, אירע פאַרשוינען, בשעת יוסטמאַן איז געווען א רעכטער און פולקאָמענער בן־בית. איך וואָלט אונטערגעשטראָכן דעם חילוק צווישן ווייטן חוזה און נאָענטן רואה, ווייל מיט דער צייט האָבן זיך אָפּגעטיילט און אויסגעטיילט די קוק־ווינקלען, און אפילו פון עק ביז עק, בפרט ווען עס האָט זיך איבערגעביטן דער ראָמאַנטישער, סיי אידילישער סיי טראַגישער צוגאַנג אויף א פאַרקערטן, רעאַליסטישן, אפילו נאַטוראַליסטישן צוגאַנג און א דוגמה דערצו איז "יאָשע קאַלב" פון י. י. זינגער, כדי נאָך־שפּעטער זיך ווידער צוריקצוקערן צום ראָמאַנטישן, אפילו עקסטרעם־ראָמאַנטישן צוגאַנג, ווי עס פרע־זענטירט אים ברוך האַגער, וואָס גאָר און בלויז חסידות רעדט אין און פון זיינע דערציילונגען.

די באַמערקן אונדזערע פאַרבעטן אונדז בודק צו זיין דעם ענין חסידות און איר געשטאַלט אין דער ליטעראַטור, און דאָס פאָדערט א פּרטימדיקן באַהאַנדל, אָבער מיר ווילן איצט בלויז באַמערקן, אַז דער ספר "אינם רבינס הויף" איז ווי א גרענעץ־ליניע צווישן צוויי קוק־ווינקלען — דער דערציילער איז מיטן פולן האַרצן געווענדעט צו דער טראַגיק פון הויף און בעיקר צום דור פון די זקנים, וואָס ווערן דאָ אין זייער טיפסטן כאַראַקטער און זייער טיפסטער שיינקייט באַשריבן, אָבער ער איז אויך מיט זיין פולסטער פאַרשטענדעניש געווענדעט צו דעם אויפברויז פון די מורדים בתוך דעם ייִנגערן דור אין דער אויבערפלאַך פון זייער רעש און מהומה, און מיר זען באַשיינפּערלעך, ווי א בכבודע און וואָגיקע מסורה ווערט צעטרעטן מכוח א פוסטן ראָמאַן און א ליאַדע טעאַטער־שפּילערייקע, אָבער איר דורכפאַל ווערט אוועקגעשטעלט ווי א צוואַנג, כאָטש דער מעמד און דער כוח פון הויף כאַפּט זיך גיך אויף, לויט איר דרך, און בלייבט, מיט איר איינגעקוועטשקייט, אויפגעוועקט. און לאָמיר זיך אויף א מאָמענט אומקערן צום מייסטער, י. ל. פרץ, און זיין תלמיד, ב. יאָושזאָן, כדי צו דערמאָנען א שאַרפן באַמערק פון שלמה צמח צו דער גרויסער און פאַרפּלאָנטערטער טעמע פון חסידות און איר אָפּשפּיגל אין דער מאָדערנער ליטעראַטור — ער טיילט אָפּ צווישן די וואָס האָבן געקענט חסידות און די וואָס האָבן געקענט חסידים, פונקט ווי ער שיידט אָפּ צווישן די וואָס האָבן געקענט די חסידים ווי יחידים און די וואָס האָבן געקענט די מאַסן חסידים און כדאי איבערצוחזרן און לייענען וואָס ער האָט געזאָגט דערוועגן אין זיין מאמר איבער יחיאל האָפער. און מיר האָבן נישט מטריח געווען זיין באַמערק נאָר כדי צו זאָגן: ב. יאָושזאָן האָט געקענט סיי דאָס חסידות, סיי די חסידים ווי יחידים, סיי די חסידים ווי א כלל, און לויט זיין קענטעניש און קאַנטשאַפט — איז געווען די מעגלעכקייט פון באַשרייב און דערצייל.

## ג.

דער צווייטער צווייג — איז געווען דער פעליעטאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך איינגעקויפט זיין וועלט, די וועלט פון זיינע לייענער, אַזוי אַז מען מעג צווייפלען, אויב צווישן אַלע יידישע פעליעטאָניסטן אין פוילן איז געווען איינער וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ עולם לייענער, ווי ער. ווי ווייט דאָס האָט געגרייכט — אַז אין דער קאָנקורענץ פון די וואַרשעווער טאָגבלעטער האָט דער פעליעטאָניסטישער כוח אַזוי ווייט געגרייכט, אַז די קאָנקורירנדיקע רעדאַקטאָרס האָבן אַנידערגעשטעלט ב. יאָושזאָן און שלום-עליכם איינעם אַקעגן אַנדערן, און דער עולם לייענערס איז נאָכגעגאַנגען דעם ערשטן און נישט דעם אַנדערן. און כדאַי, אַז מיר זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז דער פעליעטאָן האָט פאַרמאָגט אַ תמידיקן אויפפריש אין אונדזער ליטעראַטור און פרעסע אין פוילן, אָט דער פעליעטאָן וואָס זיינע מידות האָבן זיך געהאַלטן לויט דער מסורה פון פרישמאַן און נאָמבערג, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך תלמידים. די קשיא, פאַרוואָס האָט זיך ב. יאָושזאָן איינגעקויפט די ליבשאַפט פון די לייענערס מער פון אַנדערע איז אַ קשיא, בעיקר ווי עס האָט זי פאָרמולירט אונדזער פריינט יהושע יוסטמאַן (ה. יוסטוס), וואָס היט ערלעך אָפּ זיין טאַטנס זכר; די עיקר קשיא איז מיט וואָס האָט זיין טאַטע אויסגענומען און אין מיטן פון אַ צייט, ווען עס זענען געווען פיל שרייבערס וואָס זענען געווען אַזוי חשוב ווי ער. די תשובה געפינט זיך אינעם אַרויסזאָג פון יעקב שטיינבערג פאַרוואָס האָט דער עולם זיך מתדבק געווען צו שלום אַש׳ס דערציילונג "דאָס שטעטל" און ער ענטפערט אַזוי: "די ליטעראַטור-מענטשן זענען, כידוע, נישט מצליח בלויז לויט דעם צופּאַס פון זייער טאַלאַנט; אויך אין תחום פון ליטעראַרישער שאַפונג אַנטשיידט, על-פּי-רוב, לגבי דער הצלחה נישט בלויז דער כשרון-המעשה פון דער שרייב-פּעדער, ווי די אויגן-הויך פון דער טעטיקער פּערזענלעכקייט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען מסוגל לייכט צו אַנטדעקן וואָס איז דאָס טייערסטע וואָס איז בשותפותדיק פאַר די מענטשן אַרום. אויך שלום אַש האָט מלכתחילה מכוון געווען זיין שאַפונג צו די זאַכן וואָס זענען פעאיק מיט איינמאָל צו דערוועלבן די הערצער, אָדער אויב עס צו באַצייכנען מיט אַן איידלערן זאָג — צו דערכאַפּן דאָס בשותפותדיקע מזל פון די מענטשן פון דור".

אוודאי איז דער משל, שלום אַש, נישט ענלעך צו אונדזער נמשל, ב. יאָושזאָן, און נישט בלויז מחמת דער אַנדערשקייט פון שרייבער, נאָר בעיקר מחמת דער אַנדערשקייט פון געשריבענעם, ווייל אויף דער זשאַנער-סקאַלע האַלט מען דעם פעליעטאָן מינדער דעם ראָמאַן — הינטער אים אָדער אונטער אים — אָבער דער משל איז ענלעך צום נמשל מצד דער גרייס פון בשותפותקייט פון די מענטשן וואָס רינגלען אַרום דאָס געשריפטס און דעם שרייבער — אָדער לאָמיר זאָגן: מצד דער מאָס פון אידענטיפיקאַציע פונעם שרייבער און זיין לייענער. די פעליעטאָנען פון ב. יאָושזאָן, בפרט די וואָס ער האָט געצייכנט מיטן נאָמען איטשעלע, האָבן געלאָזט אַ ברייטע טיר פאַר אַזאַ אידענטיפיקאַציע צווישן דעם שרייבער און זיין לייענער, אַז אַזוי וואָלט דער לייענער געשריבן, ווען ער וואָלט פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט

צו שרייבן — נישט העכער פון זיך, נישט נידעריקער פון זיך, נאָר גלייך. דער ווענד פון גלייך צו גלייך, האָט כביכול ארויסגעבוירן דעם שטעל פון גלייך מיט גלייך; און מיר זאָגן: כביכול, ווייל אזוי איז עס פון שטאנדפונקט פונעם לייענער, אָבער נישט פון שטאנדפונקט פונעם שרייבער — ער, דער שרייבער, האָט זיך באפעאיקט צו רעדן צו יענעם מיטן אין דורכשניט, וואָס איז בשותפותדיק פאר דער מאסע לייענערס, נוסח פוילן, און האָט נישט באדארפט מקיים זיין דעם אשא עיני אל ההרים, פונקט ווי ער האָט נישט באדארפט מקיים זיין: קוראַך גוץ — גחון ולחוש לו — משמע, זיך נישט רייסן ארויף און זיך נישט ווענדן אַראָפּ, אָדער ווי מיין טאַטע, עליו השלום, וואָס האָט האָלד געהאַט איטשעלעס פעליעטאָנען, בעיקר די סדרה "פאָליטישע בריוו", וואָס איך פלעג זיי מחמת זיין מידקייט לייענען בקול, פונקט ווי ער האָט אין זיינע יינגעלשע יאָרן געלייענט פאר זיין טאַטן, עליו השלום, די מאמרים פון "עברי אנכי", פלעגט באמערקן: אפנים איטשעלע רייסט נישט דעם קאָפּ ארויף איבער דעם לייענער און בייגט אים נישט אַראָפּ נידריקער פון אים, נאָר איז מכוון מויל-צו-מויל, רעדט צו אים פה-אל-פה ממש. האָב איך געפרעגט: אָבער אין אמתן איז ער דאָך מכוון דאָס מויל צו די אויגן, און אין אונדזער פאל, דאָס מויל צום אויער. האָט ער געענטפערט: לאו דווקא. אפילו ער איז מטריח דעם לייענערס אויג און אויער, איז דאָך פאַרט דער עיקר זיין מויל, ווי אויך דעם לייענערס מויל וועלכעס ער באוועגט ווי צו זאָגן: גלייך ער וואָלט מיר די ווערטער פון מיין מויל ארויסגענומען.

## ד.

און דער דריטער, לעצטער צווייג, איז זיין רובריק: פון אונדזער אלטן אוצר, אַן אַנטאָלאָגיע פון דברי-תורה צוזאמענגעשטעלט לויט די פרשיות פון דער וואָך, וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג אין דער צייטונג געבראַכט, יעדע וואָך און איר פרשה, לויט אירע ענינים, פון אַ סך פאַרשיידענע מקורות, לרוב לשון-קודשדיקע, ער האָט זיי אָבער געבראַכט אין אַ לעבעדיקן, באריידעוודיקן יידיש, און ביי דעם דערמאָנטן שרייבער-געזעמל אין ירושלים האָט שוין אונדזער פריינט ר׳ פנחס פלאי, זיך אָפּגעשטעלט דאריבער און האָט געבראַכט דערצו כל-ערליי אקטועלע רמזים, וועלכע שטעקן פאַרבאַהאַלטן אין די דברי-תורה, און זיין פאָטער ר׳ מרדכי הכהן, עליו השלום, האָט דאָך ארויסגעגעבן אַ פּראַקטיק געזעמל צו די פרשיות השבוע, וואָס זענען ווי ברידער צו אזעלכע חיבורים ווי מען האָט ביי אונדז צוזאמענגעסדרט.

מיר האָבן געזאָגט: אזעלכע חיבורים, ווייל דער אַנטאָלאָגישער כאַראַקטער פון אזעלכע ספרים איז פאר אונדז נישט קיין נעכטיקער-אייערנעכטיקער מינהג, און עס וואָלט אונדז ווייט געפירט ווען מיר זאָלן אויסרעכנען ביישפילן דערצו, און מיר וועלן בלויז אנווונקן אויף ספרים, וואָס דער עצם נאָמען זייערער ווייזט אָן זייער מקור — ילקוט שמעוני, עין יעקב, און איבריק צו דערמאָנען: חוק לישראל, וואָס האָבן באדינט כל-ערליי מיני תכלית, און דער צד השווה איז דער ליקוט פון

פארשיידענע אלטע מקורים, וואָס זענען אַנטאָלאָגיש אויפגעשטאַפּלט, און איך וועל אַנווייזן אויף ספרים וואָס גייען אין עברי־טייטש, פאַרן פּשוטן עולם פון מענער און ווייבער, ווי דאָס מעשה־בוך, וואָס עס בעט זיך זיי בודק צו זיין לויטן סדר פון זייערע אויפלאַגעס — דען די ערשטע נעמען ארום סיפורי חז״ל לויט דער גמרא און די מדרשים, אָבער שפּעטער זענען צוגעקומען סיפורים פון חסידי אשכנז, דער קרייז פון ר׳ יהודה החסיד און זיין זון ר׳ שמואל החסיד, אָבער די גאָר לעצטע אויפלאגעס פאַרמאָגן שפּעטערע ענינים, די חידושים וואָס עס האָט רעוואָלוציאָנירט די קבלה פון אר״י, ביז עס איז גאָר צו לעצט צוגעקומען די גייסטיקע און מענטאַלע איבערקערעניש פון חסידות, נוסח ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים און תלמידי־תלמידים, ביז עס זענען צוגעקומען ילקוטים פון חסידישע צדיקים און רביים, ווי מיר האָבן זיי עד עצם היום הזה. איך שטרייך אונטער דעם צד, ווייל זייט יאָרן האלט איך מיך נישט אָפּ פון א קריטיק לגבי א גוואַלטיקע, אפשר גוואַלדיקסטע אינסטיטוציע אונדזערע, אונדזער סידור תפילה, אין וועלכן מיר דאווענען טעגלעך, אין דער וואָכן, שבתות און ימים טובים, און וואָס ווייסט נישט פון די שינויים, סיי היסטאָרישע סיי אקטועלע, אין אונדזער געשיכטע, גלייך זייט די שינויים וואָס מיר האָבן פון אר״י הקדוש און זיינע תלמידים, וואָלט אין אונדזער געשיכטע און לעבן גאָרנישט געשען.

ה.

און אזוי ווי די דינאַמיק איז דער קראַנקער פּרווו פון א לעבעדיקייט, פאָדערט זיך לויט איר בודק צו זיין די אַנטאָלאָגיע פון ב. יאושזאָן, וואָס איז א באַזונדערער אויפטו — זי איז צומערשט פארעפנטלעכט געוואָרן נישט ווי א ספר, נאָר אין א בלאַט־צייטונג פון מאסן לייענערס און איר כוונה און פּלאַן שטעקט שוין אין איר עצם־נאָמען: פון, משמע: וואָס עס ווערט געבראַכט איז ווייניק פון א סך, כוואַליעס פון א ים; אונדזער — פּשוטו כמשמעו: נישט פון פרעמדע און פון פרעמד־געטראַכטע; אלטן — משמע: נישט וואָס איז ניי און האלט זיך ביי, נאָר וואָס איז אַמאָליק; אוצר — א טייער און ווערטיק געבוי. און פון סוף בדיקה גייען מיר צוריק צו איר התחלה, צום וואָרט אונדזער, מען זאָל נישט זאָגן, ווי פיל פון יענע בני דור און נאָך זיי זענען געווען נוטה צו זאָגן: אפשר איז עס טאַקע אַן אוצר פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, אָבער נישט אונדזער, ווייל מיר האָבן אנדערע תורות און אַנדערע חידושים, ווייל עס איז געשען אַן איבערקערעניש אין אונדזער געשיכטע, וואָס טיילט אָפּ צווישן אונדז און די פריערדיקע און ווייטערע דורות. דערפאַר טאַקע קומט פריער דאָס וואָרט אלט, נישט בלויז מחמת דעם דקדוק ווי ער איז נוהג אין יידיש, אז דער אַדיעקטיוו קומט פאַרן סובסטאַנטיוו און נישט ווי דער דקדוק ווי ער איז נוהג אין עברית, וואָס לאָזט דעם סובסטאַנטיוו פאַר דעם אַדיעקטיוו, כדי דיך צו לערנען, אז כאָטש ער איז אלט איז ער אונדזער, משמע: מיינער, דיינער, זיינער, אונדזערער, פון אונדז אלע, פון כל בית־ישראל. און דאָ קום איך מיט א טענה צום בעל־האוצר: וואָס איז, בעצם, דער באַטייט פון וואָרט

אלט (אין העברעאיש וואָלט מחייב געווען א ה״א־הידיעה: ״ה״ישן). ווערסטו זאָגן, אז די כוונה איז צו די ענינים, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן מיט דורות צוריק, איז עס דאָך א טעות, און אפילו א טעות גמור, ווייל עס ווערן דאָך דאָ אין אונדזער געזעמל געבראַכט ענינים פון די לעצטע, אפילו פון די גאָר לעצטע, סיי ווי לפי פאַרשוינען, סיי ווי לפי באַוועגונגען. לפי פאַרשוינען — געפינסטו דאָך דאָ חידושי־תורה פון גדולי־תורה, וועלכע האָבן געלעבט אין אונדזערע טעג ממש, און לפי באַוועגונגען — געפינסטו דאָך אויסזאָגן פון גדולי־חסידות, און אפילו בינוני־חסידות, און א סך מער פון דעם פראַפּאָרציאָנעלן אויפטייל, ווי עס וואָלט מחייב געווען אזא לאַנגער וועג פון דורות, פון די מדרשים און ווייטער. אויב אזוי, פרעגט זיך: מחמת וואָס: פון אלטן?

ו.

און מעגלעך, אז ב. יאושואָן האָט זיך דאָ אריינגעקלערט אין ענין פון דער נייער צייט אין דער יידישער געשיכטע און האָט אים באַנוצט לגבי דעם אַנשוי, געדאַנק, ליטעראַטור, און אפירגעבראַכט וואָס ער האָט אפירגעבראַכט, אָבער דוכט זיך, אז מער ווי דאָס איז פאַר אים געווען געדאַנק און קלער, איז עס געווען ביי אים לעבן און איבערלעבעניש, אזוי אז די גרענעץ צווישן דער אלטער צייט און דער נייער צייט, איז אַן ענין פון זיין אייגענער ביאָגראַפיע און אין אויפשפּאַלט, און דער כאַראַקטער פון דעם אויפשפּאַלט איז דאָך אַנגעצייכנט ביים סוף פון ספר ״אינם רבינס הויף״. ווען דאָס פּאָרל פון די מורדים שטייט, ווייט פון שטאָט און אירע באַוואוינער, אונטער דער חופה, פרעגט מיט ציטערדיקע לעפצן די מאַמע־רביצין דעם חתן אויב ער וואַרט אויף איר ברכה, און איר איז נישט לייכט צו בענטשן, ווייסט זי דאָך, אז דער חתן האָט אלע אונדזערע ״הויפן״ חרוב געמאַכט, האָט אלץ וואָס מיר האָבן אַנגעזאַמלט פון דור צו דור, געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, צעבראָכן און צעזגלט, וועלנדיק א נייעם וועג, וואָס מען ווייסט נישט וואו ער איז און דערווייל האָט ער דעם אלטן וועג קאַליע געמאַכט, חרוב געמאַכט און צעריסן די גאָלדענע קייט. יאָ, די מאַמע־רביצין ווענדט זיך נאָך צום חתן, מרדכילע, ער זאָל זיך באַרעכענען, און דאָס איז איר לעצט וואָרט, איר ״לעצטע ברכה״.

און דער יונגערמאַן, וואָס די רביצין האָלט אז ער האָט אלץ חרוב געמאַכט און צעבראָכן, צעשטויסן, צעריסן, האָט נישט געאַנט אז עס וועט קומען א טאָג. און דאָס נישט איבעריק ווייט, און ער וועט זיך באַרעכענען און אומקערן צו זיך, ווי ער איז געווען פאַרן ריס און אָפּרייס, און נישט קענענדיק זיך אומקערן אין ממשות פון לעבן, וועט ער זיך אומקערן אין דמות פון ספר, און ווער עס האָט פאַר אונדזערע אויגן צום ערשט מחבר געווען זיין בוך ״אינם רבינס הויף״ אין זיינע פאַרדרייעַנישן, וועט שפּעטער מחבר זיין דעם ספר ״פון אונדזער אלטן אוצר״ מיט זיין פּשטות און פּשיטות, כביכול די פאַרדרייעַנישן זענען נישט געווען, און ווי עס איז דאָ, איז ווי אלץ איז געווען, און פירט זיך און איז ווי עס איז געווען פאַר דעם אויפרייס פון מחבר גופא. און דאָס איז אַן ענין וואָס פאַרדינט א כלל־

באטראכט — האָבן מיר דאָך געזען אַז עס איז אַרויס דער ספר פון ש״י עגנון ״ספר סופר וסיפור״, וואָס אויך לגבי אים לאָזט זיך זאָגן, אַז אַלץ וואָס איז נישט געווען אין דער מעגלעכקייט פון ר׳ יודל בטלן, איז מעגלעך און אַפילו מחויב צו זיין אין דער ראָם פון ״ספר סופר וסיפור״ און איך האָב זיך שוין באַמיט צו ווייזן און באַווייזן, אַז דער סיפור ״הכנסת כלה״ פּרוּווט זיך היסטאָריש אויסצופּלאָנטערן, פּונקט ווי דער סיפור ״ולא נכשל״ פּרוּווט אויספּלאָנטערן וואָס דער ״ספר סופר וסיפור״ האָט צוריקגעפּלאָנטערט. דען אַזוי גייט דער וועג פון אַ נאָסטאַלגישער קאָנסטרוקציע — און ווי מען איז זיך נוהג צו פאַרענדיקן: והדברים ארוכים.

ז.

די זאַמלונג וואָס מיר האָבן דאָ פּאַר זיך פון אַ אויסוואַל פון ב. יאָושזאָנס שרייבערישער ירושה — סיי די דערציילערישע, סיי די פעליעטאָניסטישע און פּובליציסטישע — ברענגט אַרויס די אייגנאַרטיקייט פון זיין טאַלאַנט מיט וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק באַווירקט דאָס פּוילישע יידנטום אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און זי אַזוי טריי און קאָלאָרפול אָפּגעשפּיגלט מיט זיין ברויזנ־דיקער שפּרודלדיקער פעדער.

דב סדן